# אין זיך

## א זאמלונג אינטראספעקטיווע לידער

1920

COP. 1

פון

מ. אפראנעל
אל. גוריה
יעקב גלאטשטיין
בערנארד לואיס
ראובן לודוויג
א. לעיעלעס
נ. מינקאוו
יעקב סטאָדאָלסקי

4736

ארויסגעגעבן פון מ. נ. מייזעל פארלאג, ניו־יארק.

13325 - 9

# אינטראָספּעקטיוויזם.

אַרויסקומענדיג מיט אָט דער זאַמלונג, האָבען מיר בעדייע צו אַנטוויקלען אַ באַשטימטע ריכטונג אין דער אידישער פּאָעזיע, אַ ריכטונג, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבען צו באַווייזען די לעצטע פּאָר יאָהר אין די אַרבייטען פון אַ געוויסער גרופּע אידישע דיכטער, און וועלכע מיר ווילען פון איצט אָן באַצייכענען מיט אַ באַזונדערען נאָמען. מיר רופען זי אינטראָספּעקטיווע ריכטונג, ווייל אָט דער נאָמען איז אינקלוזיוו גענוג פאַר אַ גאַנצער רייה אינדיווידועלע שאַטירונגען און ניואַנסען.

מיר ווייסען גוט, אַז אינטראָספּעקטיווע לידער שטעלען מיט זיך ניט פאָר קיין שום נייעס אָן און פאַר זיך. אַלע פּאָעטען פון אַלע צייטען האָבען ביי באַשטימטע געלעגענהייטען געשריבען אינטראָספּעקטיוו, דאָס הייסט, אַריינקוקענדיג אין זיך און פון דאָרט, פון דער אייגענער נעשאָמע און פון דער וועלט, ווי זי האָט זיך אָפּגעשפּיגעלט אין דעם דיכטערס זעל, געזונגען און געדיכטעט. אויך אין דער נייער אידישער פּאָעזיע זענען פאַראַן גענוג אינטראָספּעקטיווע לידער, כאָטש די דיכטער האָבען זיך מיט אָט דעם נאָמען און מיט אָט דער באַצייכענונג ניט באַנוצט.

דער אונטערשיד אָבער צווישען אונז און די אַנדערע פּאָעטען, סיי אידישע און סיי ניט־אידישע, סיי מאָדערנע, סיי אַלטע, באַשטעהט אין דעם, וואָס מיר ווילען ספּעציעל זיך אָפּגעבען דער אַנטוויקלונג, דער פאַרטיפונג און דער אויסברייטונג פון דעם אינטראָספּעקטיווען מעטאָד.

די וועלט איז דאָ און מיר זענען אַ טייל פון איהר. פאַר אונז עקזיסטירט אָבער די וועלט בלויז אויף אַזוי פיעל, אויף וויפיעל זי שפּיגעלט זיך אָפּ אין אונז, אויף וויפיעל זי ריהרט אונז אָן.

די וועלט איז אַ ניט־עקזיסטירענדע קאַטעגאָריע, אַ ליגען, אויב זי האָט ניט מיט אונז קיין שייכעס. זי ווערט אַן אַקטועלע זאַך בלויז א י ן אונז און ד ו ר ך אונז.

אָט דער אַלגעמיינער פילאָזאָפישער קלאַל איז דער הויפּט־פּונדאַמענט פון אונזער ריכטונג. איהם ווילען מיר שטרעבען צו אַנטוויקלען אויף אַ פּאָעטישען אופן.

פּאָעזיע איז ניט בלויז פיהלען און עמפּינדען, נאָר אויך, און עפּשער הויפּטזעכליך, די קונסט פון אויסדריקען אויף אַן אַדעקוואַטען אופען דאָס פיהלען און דאָס עמפּינדען. עס איז ניט גענוג צו זאָגען, אַז אַלע ערשיינונגען זענען אויף אַזוי פיעל עקזיסטירענד, אויף וויפיעל זיי טרעטען אַריין מיט אונז אין אַן אָרגאַנישער פאַרהעלטעניש. דער פּאָעט האָט די הויפּט־אויפגאַבע אויסצודריקען אָט די אָרגאַנישע פאַרהעלטעניש אויף אַן אינטראָספּעקטיווען און אַ ריין־אינדיווידועלען אופען. א ו י ף א ַ ן א י נ ט ר אָ ס פּ ע ק ט י װ ע ן א ו י פ ע ן, און דערמיט מיינען מיר, אַז דער פּאָעט דאַרף אויפריכטיג זיך צוהערען צו זיין אינערליכער שטים, זיך צוקוקען צו דער אינערליכער פּאַנאָראַמע, קאַליידאָסקאָפּיש, ווידערשפּרעכענד און אומקלאָהר אָדער צוטומעלט, ווי זי זאָל ניט זיין, און זעהן דערפון צו באַשאַפען יענע ריכטונג, וואָס זאָל געבען דעם רעזולטאַט סיי פון דער באַהעפטונג פון דעם פּאָעטס זעל מיט דער ערשיינונג, וועגען וועלכער ער זינגט, סיי פון דעם אינדיווידועלען בילד, אָדער גרופּע פון בילדער, וואָס ער זעהט בעאַיים מייסע א י ן ז י ך.

וואָס פּאַסירט אינדערעמעסען אין דער זעל פון׳ם פּאָעט, וועלכער געפינט זיך אונטער דער באַווירקונג אָדער איינפלוס פון אַ געוויסער ערשיינונג?

אויף דער שפּראַך פון אונזערע היגע „יונגע“ ווערט דערפון באַשאַפען אַ ש ט י מ ו נ ג. דער פּאָעט, לויט אָט דעם בליק, דאַרף אַלזאָ אויסדריקען, איבערגעבען די שטימונג. ווי אַזוי? אויף אַ קאָנצענטרירטען אופען און אויף אַ פאַררונדעלטען. די דאָזיגע

קאָנצענטרירונג און פאַררונדלונג ווערען באַטראַכט אַלס די נויטיגע באַדינגונגען, פאַרבאַדינגונגען, אָהן וועלכע דעם דיכטערס שטימונג קאָן ניט האָבען קיין אַלגעמיינעם, אָדער צו געבען אַ שפּרונג צו די באַגריפען פון נאָך עלטערע פּאָעטען: א י י ב י ג ע ן ווערט.

אָבער אַט דער מעטאָד, גענוג ווי ער איז געווען און פאַרבלייבט צו שאַפען פּאָעטישע וויניעטקעס, דיכטערישע אַראַבעסקען, איז אין טאָך גענומען ווייט ניט גענוג און ווייט ניט עמעס. פון אונזער שטאַנדפּונקט איז אַט דער מעטאָד אַ ל י ג ע ן.

פאַרוואָס?

ווייל די שטימונג און דאָס ליד וואָס רעזולטירט פון אַזאַ אויפ־פאַסונג און מעטאָד מוז אומפאַרמיידליכערהייט געבען עפּעס אָפּ־געריסענס, אָפּגעזונדערטס, עפּעס אַזוינס וואָס אַנטשפּרעכט אין לעצטען סאַך האַקעל גאַרניט דעם לעבען און דעם עמעס.

אַזוינע לידער זיינען פּוץ און אָרנאַמענטען — אין בעסטען פאַל. זיי זענען פאַלשע גלעקלעך — אין ערגסטען פאַל.

וואָרים אַלס רעזולטאַט פון דער ווירקונג אָדער דעם איינפלוס, וואָס אַ געוויסע ערשיינונג האָט אויף דעם דיכטערס זעל קומט בעאיין אופען ניט אַ פאַראייינצעלטע, אָפּגעטאַקטע, פאַררונדעלטע און קאָנצענטרירטע שטימונג. עס קומט עפּעס קאָמפּליצירטס, עפּעס וואָס איז פאַרבונדען און פאַרקניפּט מיט אַ גאַנצער פּלעיאַדע און מיט אַ גאַנצער סוויטע פון אַנדערע „שטימונגען", פון אַנדערע געפיהלען און עמפינדונגען. די קאָנצענטרירטקייט און פאַררונדלונג פון דער פּאָעזיע איז אין לעצטען סאַך האַקעל דער סימבאָל פון דעם גאַנצען ליגען, פון דעם גאַנצען, לויט אונזער אויפפאַסונג, מוי־רעדיגען ווידערשפּרוך, וואָס הערשט צווישען ליטעראַטור און לע־בען, צווישען דער גאַנצער קונסט און לעבען.

מיר, די אינטראָספּעקטיוויסטען, ווילען אין דער ערשטער רייה געבען דאָס לעבען, דאָס עמעסע, אויפריכטיגע און גענויע — אויף אַזוי פיעל ווי עס שפּיגעלט זיך אָפּ אין א ו נ ז גופע, אויף אַזוי פיעל, ווי עס טרעט אריין אין אַ באַהעפטיגונג מיט אונז.

די מענשליכע פּסיכיק איז אַ מוירעדיגער לאַבירינט. אין אַט דעם לאַבירינט וואוינען טויזענטער וועזענס. די איינוואוינער זע־נען די פאַרשידענע פאָרמען פון דעם אינדיווידס געגענווערטיגען איך פון איין זייט, און רעשטלעך פון דעם אינדיווידס הערעדי־טערען איך — פון דער אַנדער זייט. אויב מען זאָל גלויבען, אַז יעדער אינדיווידואום האָט שוין אין אַזאַ צי אין אַן אַנדער פאָרם גע־לעבט ווען און ערגעץ וואו — און אַט דער גלויבען ווערט אָפּט זעהר אַקטועל עמפּונדען פון יעדען איינעם — ווערט די צאָל פון די איינוואוינער אין דעם לאַבירינט פון דער מענשליכער זעל נאָך גרעסער.

דאָס איז דאָס עמעסע ל ע ב ע ן פון דעם מענש. און אַט דאָס לעבען, וואָס ווערט אין דער איצטיגער צייט פון גרויס־שטאָדט און וואַריעטעט אויף אַלע געביטען, טויזענטפאַכיג נאָך מעהר קאָמ־פּליצירט און פאַרפּלאָנטערט, האַלטען מיר, די אינטראָספּעקטי־ווּיסטען, פאַר נויטיג איבערצוגעבען און אויסצודריקען.

אין וועלכער פאָרם און געשטאַלט קומט די קאָמפּליצירטקייט פון שטימונגען, ווענען וועלכער עס איז נאָר וואָס גערעדט געוואָ־רען?

אין דער געשטאַלט פון אַסאָציאַציע און סוגעסטיע און אַט דיביידע עלעמענטען האַלטען מיר אויך פאַר די צוויי וויכטיגסטע מע־טאָדען פון דיכטערישער עקספּרעסיע.

דאָ בעט זיך ווידער אַ באַמערקונג.

מיר ווייסען גוט, אַז פּאָעטען פון אַלע צייטען האָבען זיך באַ־נוצט מיט סוגעסטיעס און אַסאָציאַציעס. דער פּרעראַפאַעליט ראָסעטי און דער שפּעטערער סווינבורן האָבען אין זייער אַר־בייט באַדינט זיך זעהר אָפּט מיט אַט די עלעמענטען. דאָך זוכען מיר די אַסאָציאַציע און די סוגעסטיע צו מאַכען פאַר די דיכטערישע הויפּט־מיטלען, ווייל מיר האַלטען, אַז זיי זענען אַם פּאַסיגסטען און אַם בעסטען אויסצודריקען די קאָמפּליצירטע געפיהלען און עמפינדונגען פון דעם היינטיגען מענש.

וואָס אַנבעלאַנגט דעם אינדיווידועלען אויפען, איז ער ניט ווייניגער וויכטיג, און עפשער נאָך וויכטיגער.

אַזוי ווייט וועגען דעם אינטראָספעקטיווען אויפען.

ווייל מיר פאַסען אויף די וועלט דורכאויס עגאָצענטריש, און ווייל מיר האַלטען, אַז דאָס איז דער נאַטירליכסטער, דעריבער דער עמעסטער, מענשליכסטער אויפפאַסונגס־אויפען, האַלטען מיר, אַז דאָס ליד פון יעדען דיכטער מוז קוידעם קאָל זיין זיין אייגען ליד. מיט אַנדערע ווערטער מיינט עס, אַז דער דיכטער זאָל יעדעס מאָל טאַקע געבען דאָס, וואָס ער אַליין זעהט און ווי אַזוי ער זעהט.

אין פלוג גענומען איז דאָס אַ זעלבסטפאַרשטענדליכע זאַך און אַ מין פרערעקוויזיט פון יעדער פּאָעזיע. אַזוי דאַרף עס טאַקע זיין; אָבער עס איז ניט.

אין די מעהרסטע לידער, ניט בלויז אין די אידישע, נאָר אויך אין די מעהרסטע ניט־אידישע פעהלט בעעמעס די פולע אינדי־ווידואַליטעט פון דעם דיכטער און מעמיילע אויך פון דעם געדיכט. אין די מעהרסטע לידער פאַרטיפט זיך גאָרניט דער פּאָעט געגוג צו זעהן דאָס, וואָס ערשיינט אין זיין אייגענער זעל. אין דעם איז עפשער שולדיג די שפּראַך, וועלכע ווירקט בעקלאַל אין אונזער לעבען ווי אַ פאַרפיהרענדע און אַפּנאַרענדע קאַטעגאָריע. ווי די מייסע זאָל אָבער ניט זיין, האַלטען מיר אַז אין דעם גאָר גרעסטען טייל פון דער גאַנצער פּאָעזיע איז דער דיכטער ניט אינדיווידועל גענוג. ער באַנוצט זיך צופיעל מיט פאַרטיגע, פאַר איהם פון פריי־הער צוגעגרייטע בילדער און מאַטעריאַלען. ווען דער דיכטער, אָדער אפילו אַזוי אַ מענש קוקט אויף אַ זון־פאַרגאַנג, קאַן ער זעהן די מאָדנעסטע זאַכען, וועלכע האָבען עפשער לאַכלוטין — אויבענ־אויף גענומען — קיין שייכעס ניט מיט'ן זון־פאַרגאַנג. דאָס בילד, וואָס שפּיגעלט זיך אָפּ אין זיין זעל, איז גאָר אַ רייה ווייט־לויפיגע אַסאָציאַציעס פון דעם, וואָס זיין אויג זעהט, אַ קייט סוגעסטיעס, וואָס דער זון־פאַרגאַנג רופט אַרויס. און בעאיים ד אָ ס, אַט די

ריזה אסאציאַציעס און אַט די קיט סוגעסטיעס זענען דער  ע מ ע ס,
זענען דאָס לעבען, ווי די אילוזיע איז אַפּטמאָל דאָס עמעסע לעבען
און ניט די גרופּע אויסערליכע ערשײנונגען וועלכע מען באַצײ־
כענט מיט'ן נאָמען לעבען, וועלען די מעהרסטע פּאָעטען זיך גאָר־
ניט אָפּשטעלען אויף דעם ,וואָס קומט אינערליך ביי זיי פאָר, ווען
זיי קוקען אויף אַ זון פאַרגאַנג, נאָר נעמען מאָלען איהם, זוכען די
פאַרבען, באַשרייבען די דעטאַלען א. ד. ג. אויב זיי זענען נאָך
סוביעקטיוו־געשטימטע מענשען, וועלען זיי עפּשער זייער פּינזעל
איינטונקען אין אַ טראָפּען סוביעקטיוויטעט, אין אַ שטיקעל פאַרב
פון זייער איך, מאַכען אַ פאַרגלייך מיט'ן אייגענעם לעבען, אויס־
דריקען אַ געוויסע גענעראַליזאַציע וועגען דעם לעבען בעקלאַל, און
דאָס געדיכט איז פאַרטיג.

צוליעב די שוין־געבראַכטע גרונדען האַלטען מיר אַזאַ ליד
פאַר ניט עמעס, פאַר שאַבלאָן. מיר ווילען דאַווקע, אַז דער דיכטער
זאָל אונז געבען דאָס אייגענע, עמעסע בילד וואָס ער זעהט ביי
זיך, און געבען עס אַזוי, ווי ער אַליין און ניט קיין אַנדערער קאָ־
עס זעהן.

אויב אַזאַ ליד וועט דאַן ווערען אַ דאַנקבאַרער מאַטעריאַל פאַר
דער פרויד־טעאָריע, אויב מען וועט דאַן געפינען שפּורען פון עפּעס
מאַרבידעס, קראַנקהאַפטעס אין דעם דיכטער, אַרט דאָס אונז ניט.
קונסט איז סאָף קאָל סאָף — דערלייזונג, זאָל זיין אילוזאַרישע דער־
לייזונג, אָדער דערלייזונג  ד ו ר ך  אילוזיע. און קיין שום דער־
לייזונג איז ניט מעגליך אויף אַן אַנדער אויפען, ווי דורך זיך אַליין.
דורך אַן אייגענער אינערליכער אַנשטרענגונג. בלויז אַן עמעס
אינדיווידועל ליד קאָן זיין אַ מיטעל פאַר זעלבסט־דערלייזונג.

2

סיי די אינטראַספּעקטיוויטעט פון דעם ליד סיי זיין אינדי־
ווידואַליטעט מוזען זיך באַדינען מיט דער סוגעסטיע און מיט דער
אַסאַציאַציע, קעדיי צו קומען צו דעם פולען אויסדרוק. אָבער די

אינדיווידואַליטעט פון דעם ליד האָט אויך אַ סאַך צו טאָן דערמיט, וואָס איז אַלגעמיין באַקאַנט אַלס פ אָ ר ם.

בעצמעס איז פאָרם און אינהאַלט איינס און דאָסזעלבע. אַ ליד, וואָס מען קאָן איבערזיצן אין אַן אַנדער פאָרם איז קיין ליד ניט, קיין פּאָעזיע. איינס איז ניט אָפּצוטיילען פון דעם אַנדערן. צו רעדען וועגען פאָרם באַזונדער און וועגען אינהאַלט באַזונדער, הייסט אייגענטליך אַרונטערצופאַלען אונטער דעם איינפלוס פון אַ לינג־וויסטישען טאָעס. און רעדען מיר דאָ יאָ וועגען פאָרם, ווי וועגען אַ באַזונדערער זאַך, איז עס בלויז צוליב באַקוועמליכקייט — ווי עס איז דער פאַל מיט אַ סאַך אַנדערע לינגוויסטישע טאָעסען.

דער אַלגעמיין באַקאַנטער עלעמענט פון פאָרם איז דער ר י ט ם. יעדעס ליד מוז זיין ריטמיש. ריטם איז דער סוד פון גאַנצען לעבען און די קונסט וואָס איז ניט מעהר ווי אַן אויסדרוק פון לעבען, מוז זעלבסטפאַרשטענדליך אויך זיין ריטמיש. אָבער וואָס פאַר ריטם זאָל אַ ליד האָבען?

אויף דעם האָבען מיר איין ענטפער: דעם איינציג־מעגליכען און דעם איינציג־דענקבאַרען — פאַר אונז יעדענפאַלס. יעדעס ליד מוז האָבען אַן א י נ ד י װ י ד ו ע ל ע ן ר י ט ם. דערמיט מיי־נען מיר צו זאָגען, אַז דער ריטם פון אַ ליד מוז זיין אינגאַנצען צו אָט דעם ליד צוגעפּאַסט. איין ליד קאָן ניט האָבען דעם זעלבען ריטם, וואָס אַן אַנדער ליד. יעדעס ליד איז אין דער ווירקליכקייט אַן איינצעל־ערשיינונג, אַן אוניקום.

און זעהען מיר, ווי די פאַרשידענסטע לידער ביי געוויסע פּאָ־עטען זענען עהנליך לויט דעם ריטם איז דאָס אַליין דער בעסטער סימען פון זייער אומפּרוכטבאַרקייט און פון זייער אומשעפערישקייט. אויך — פון דעם פעהלען פון עמעסער אויפריכטיגקייט ביי זיי.

מיר קאָנען ניט פאַרשטעהן, ווי אַזוי ביי אַן עמעסען דיכטער זאָל עס מעגליך זיין, אַז אַ ליד, וואָס ער שרייבט וועגען אַ סאָבווײ, און אַ צווייטס וועגען דעם זאַמד ביים יאַם און זומער, און אַ דריטס

וועגען זיין ליבע צו א מיידעל, זאלען אלע האבען דעם זעלבען ריטם, דעם זעלבען „טאקט". צוויי פון אזוינע דריי לידער זענען זיכער פאלש. נאך זיבערער זענען אלע דריי פאלש, ווייל אויב דער פאעט קאן דריי לידער שרייבען מיט דעם זעלבען ריטם, באווייזט דאס גופע, אז ער הערט זיך ניט צו צו דער מוזיק פון זיין אייגענער זעל, אז ער זעהט גארניט און הערט גארניט מיט זיינע אייגענע אויגען און אויערען.

מיר פארלאנגען אינדיווידועלען ריטם, ווייל בלויז דורך איהם קאן זיך אנטפלעקען דער עמעס, וואס מיר זוכען און ווילען אויסדריקען.

דא קומען מיר צו דער פראגע, וואס האט לעצטענס צערודערט א סאך געמיטער צווישען די פאעטען פון אלע שפראכען און אויך ניט ווייניג צווישען די אידישע פאעטען. צו דער פראגע פון דעם פרייען פערז.

דער פרייער פערז איז ניט קיין מוז פאר אינטראספעקטיווע לידער. עס זענען מעגליך אינטראספעקטיווע לידער אין רעגעלמעסיגען ריטם. עמעס, אט דער רעגעלמעסיגער ריטם וועט דאן אפט ווירקען אלס א שטער, אלס א צוואנג־יאקע, אבער דער פרייער פערז אן און פאר זיך איז נאך גארניט. מיר אינטראספעקטיוויסטען גלויבען, אז דער פרייער פערז איז אם בעסטען צוגעפאסט פאר דער אינדיווידואליטעט פון דעם ריטם, און פון דעם גאנצען ליד און ד ע ר פ א ר, און ניט צוליב קיין אנדער אורזאך, ציהען מיר איהם פאר צו אנדערע פערזען.

צוליב דעם אליין איז עס שוין דער גרעסטער טאעס, אויב ניט צו זאגען אמהאראצעס, צו באהויפטען, ווי מאנכע טוען עס, אז צו שרייבען פרייע פערזען איז לייכטער ווי צו שרייבען „געבונדענע" פערזען. אויב א פארגלייך האט דא בעקלאל א ווערט, איז ריכטיג גראד דאס פארקערטע. דעם געבונדענעם פערז, די רעגעלמעסיגע ריטמען, די אנגענומענע מעטרען איז לייכטער צו שרייבען, ווייל נאך א געוויסער ערפאהרונג „כאפט מען דעם שניט" און עס

„זינגט זיך" שוין פון זיך אליין. ביי דעם פרייען פערז, וועלכער דארף באנוצט ווערען הויפטזעכליך פאר דעם אינדיווידועלען ריטם איז אבער נויטיג א גרויסע אנשטרענגונג, אן עמעסע, אינערליכע פארטיפונג און דערפאר איז ער פיעל לייכטער אימשטאנד צו פאר־ראטען דעם ניט־פאעט, פיעל לייכטער פעהיג ארויסצוגעבען דעם אינערליכען וואקואום, אויב מען האט פאר זיך אזוינס.

ווען ניט־פאעטען נעמען זיך צום פרייען פערז, זענען זיי אויף קיין האר ניט אין א לייכטערער לאגע, ווי ווען זיי שרייבען אין יאמ־בען, טראכייען אדער אנאפעסטען. פארקערט בעאיים אין דעם צווייטען פאל קאנען זיי נאך עפשער ארויסברענגען עפעס זינגעדיגס און דעריבער פארט מאכען דעם איינדרוק, אז זיי שרייבען פאעזיע. זענען זיי אין דעם ערשטען פאל אומפרוכטבאר פון דעם ערשטען. אדער צווייטען מאמענט, און זייער דורכפאל איז אויבענאויף.

בלויז פאר דעם עמעסען פאעט איז דער פרייער פערז א ניי, מעכטיג מיטעל פאר עקספרעסיע, א ניי, ברייטע וועלט. פול מיט נאך ניט־אנטפלעקטע לענדער. פאר דעם ניט־פאעט אבער איז דער פרייער פערז בלויז א פאסטקע, אין וועלכער ער פאלט אריין ביי דעם ערשטען אדער צווייטען פערז. זאלען זיך די ניט־פאעטען היטען פון איהם!

מיר באטאנען נאך אמאל, אז מיר זיינען ניט געגען דעם רע־געלמעסיגען ריטם. יעדער אמת'ער דיכטער, דער אינטראספעק־טיוויסט ווי דער ניט־אינטראספעקטיוויסט קאן צומאל פיהלען, אז בלויז אין א רעגעלמעסיגען ריטם, אין א באשטימטען, „געזעצלי־כען" מעטער, קאן ער זינגען אזא און אזא ליד. ריכטיגער איז דא נאטירליך צו זאגען (פאר פאעטען איז דאס א טרואיזם) אז ביי יעדען פאעט, אויך ביי דעם אינטראספעקטיוויסט, ז י נ ג ט  ז י ך  א  ג ע ו ו י ס  ל י ד  א פ ט  א ר ו י ס  אין א רעגעלמעסיגען ריטם. דאן קעמפט ער ניט געגען דעם. דאן פארשטעהט ער בלויז. אז אזוי האט געמוזט זיין, אז אין  ד ע ם  פאל איז דאס דער עמעס, דאס — דער אינדיווידועלער ריטם.

אויב מיר ציהען פאַר דעם פרייען פערז, איז עס בלויז צוליב דעם אַנגעוויזענעם גרונד. מיר האַלטען בעקלאַל, אַז דער רעגעל־מעסיגער ריטם, דער ריטם פון אַפּט זיך ווידערהאָלענדע טאַקטען, האָט זיך עפּשער צוגעפּאַסט צום פריהעריגען לעבען, איידער עס איז געקומען די גרויס־שטאָט מיט איהרע מאַשינען, מיט איהר הו־האַ און פאַרשנעלערטען, אומרעגעלמעסיגען טעמפּ. יענעס לעבען איז געווען רוהיג און רוהיג־פליסענדיג, ווירקליך אין רעגעלמעסיגען ריטם, אין טאַקטען, וואָס האָבען זיך ווידער־האָלט אין קורצע, אָפּטע אונטערוואַלען.

פונקט ווי דאָס איצטיגע לעבען האָט באַשאַפען נייע קליידער, נייע וואוינונגען, נייע פאַרבען־קאָמבינאַציעס און נייע קלאַנגען־קאָמבינאַציעס, אַזוי מוז מען שאַפען אַ נייע קונסט און אַנדערע נייע ריטמען. מיר האַלטען, אַז דער פרייער פערז איז אַם בעסטען צוגעפּאַסט פאַר דער באַשאַפונג פון אַזוינע נייע ריטמען. ער איז ווי פיינער דאַנקבאַרער גיפּס, וואָס די אינערליכע געשטאַלט פון דעם דיכטער קאָן דאָרט געפינען איהר גענויסטען און פולסטען טיקען.

צוליב דעם זעלבען גרונד זענען מיר אויך ניט געגען דעם גראַם. דער גראַם האָט זיך זיין כיין און זיין ווערט. עס קאָן אַנדערש ניט זיין. אויב דער גייסט פון שאַפענדע פּאָעטען האָט אַזוי פיעל־טויזענדער יאָהרען איהם באַנוצט אַלס איינס פון די פּאָעטישע מיטלען — איז אין דעם גופא פאַראַן דער באַווייז פון זיין ווערט. מיר זאָגען בלויז, אַז דער גראַם איז נ י ט קיין מוז. אָפּטמאָל ווירקט ער ווי אַ צוואַנג, און נאָך עפּטער ווי אַ פאַרפיהרעריש בלאַנד־זשענדיג פייערעל. אין אַזוינע פאַלען איז ער שעדליך, און עס איז דאָן בעסער ווען מען מיידט איהם אויס. ער איז גוט בלויז, ווען ער איז אַם פּלאַץ, ווען ער וועבט זיך אַריין נאַטירליך אין דעם פערז. צו זוכען איהם, צו באַמיהען זיך איהם דאַווקע צו האָבען, איז אומנויטיג, ספּעציעל אין דער איצטיגער צייט, ווען מען דאַרף זיך ניט לערנען לידער אויף אויסענווענינ, ווען רייזענדע פּאָעטען דאַר־

פען לידער ניט דעקלאַמירען צו אַמוזירען אַן אומוויסענדען אָדער אומפּאַטישען אוילעם.

יעדעס מאָל ווען אַ פּאָעט דערפיהלט אין זיך יא דעם באַרוף פון דעם רייזענדען טרובאַדור, צו דעקלאַמירען זיינע לידער פאַר אַ מעהר פּרימיטיווען אוילעם, ווי אין דעם פאַל פון דעם אַמעריקאַנער דיכטער וואַקהעל לינדסיי, איז דער גראַם אַם פּלאַץ און ער איז גוט.

ווידער מוזען מיר דאָ אויפמערקזאַם מאַכען אויף אַ טאַעם. ווי אין דעם פאַל פון רעגעלמעסיגען און ניט רעגעלמעסיגען ריטם זענען פיעל געניינט צו מיינען, אַז צו שרייבען אָהן גראַמען איז לייכטער ווי מיט גראַמען. דאָס איז פאַלש. צו מאַכען גראַמען קאָן מען זיך לייכט אויסלערנען און בעאיים מען קאָן אין אַ גראַם אָפטמאָל פאַרבאַרגען אַ נישטיג שטימונגעל, וואָס קריגט צוליעב דעם גראַם די פּרעטענזיע אויף פּאָעזיע, קאָן אַזאַ פאַרמאַסקירונג אין דעם גראַמלאָזען געדיכט קיין אָרט ניט האָבען. דאָרט מוז מען זיין עכטער דיכטער און עכטער שאַפער. איז מען עס ניט, גיט עס דאָס גראַמלאָזע געדיכט אַ סאַך שנעלער און אַ סאַך לייכטער אַרויס, ווי דאָס געגראַמטע.

די מעלאָדישקייט פון אַ ליד — אַן אָהן־צווייפעל נויטיגע זאַך — העננט ניט אָפּ פון דעם גראַם. דער גראַם איז בלויז איין עלעמענט פון דער מעלאָדישקייט — און דער קנאַפּסטער. די מע־לאָדישקייט פון אַ ליד דאַרף אויך זיין אַ ריין־אינדיווידועלע, און זי קאָן דערגרייכט ווערען אָהן גראַמען, וועלכע מוזען נויטווענדיגער־ווייז פיהרען צו אַ געוויסער סטערעאָטיפּישקייט — זענען דאָך די גראַמען נאָך אַלעמען באַגרענעצט אין קוואַנטיטעט און אין קוואַ־ליטעט.

די קאָמבינאַציע פון קלאַנגען, די אינדיווידועלע קלאַנגען־קאָמבינאַציע, איז ווירקליך נויטיג און גראָד צוליעב אונזער אינטראָספּעקטיווויטעט האַלטען מיר זי פאַר אומגעוועהנליך וויכ־טיג. ניט נאָר פאַרניינען מיר ניט אָט דעם עלעמענט פון פּאָעזיע, נאָר מיר זוכען איהם צו געבען אַ נייעם שוואונג — דאַווקע מיט

דער הילף פון, און דורך דער אינדיווידואַליטעט פון דעם ליד.

דער מוזיקאַלישער און קלאַנגען־עלעמענט פון דער אידישער שפּראַך איז בעקלאַל פאַרנאַכלעסיגט געוואָרען פון די מעהרסטע פּאָעטען אונזערע. די אַנוועזענהייט פון אַזוינע עלעמענטען ווי אַליטעראַציע אַלס פּאָעטיש מיטעל איז קעמאָט ווי ניט געאַהנט געוואָרען, כאָטש גראַד זי איז שטאַרק אייגען אונזער לאַשען. אויף וויפיעל עס וועט ליגען אין אונזערע קויכעס, וועלען מיר זעהן אַט די פאַרנאַכלעסונג צו פאַרריכטען.

אינדיווידואַליטעט אין אַלץ און אינטראָספּעקציע אין אַלץ — דאָס ווילען מיר זוכען, דאָס ווילען מיר דערגרייכען.

קומט צו דעם דיכטער א געוויסע ערשיינונג אין דער גע־שטאַלט פון פאַרבען, טראָגט איהם די אַסאָציאַציע אַוועק צו די ברעגען פון גאַנגעס, אָדער קיין יאַפּאַן, זאָגט איהם די סוגעסטיע אונטער עפּעס נעפּעלהאַפטעס, עפּעס אַזוינס, וואָס הויערט ערגעץ אין א רעשטעל פון זיין אַמאַליגען גילגאָל, אָדער פון זיין הערעדיטע־רען איך — זענען דאָס אַלץ די וועגען און די לאַבירינטען פון זיין זעל, דאַרף ער זיי באַטרעטען, ווייל זיי זענען ע ר, און בלויז דורך דעם אייגענעם, אינערליכען, עמעסען, א י נ ט ר א ס פ ע ק־ ט י ו ו ע ן איך ליגט דער שטעג וואָס פיהרט צו שאַפונגען און צו דערלייזונג.

3

ווערט דאָס קלאָהר, ערשיינט שוין אויך פאַר זעלבסטפאַר־שטענדליך, אַז אַלץ איז א געגענשטאַנד פאַר פּאָעזיע, אַז פאַר דעם פּאָעט איז ניטאָ קיין מיעסעס און קיין שעהנס, קיין גוטס און קיין שלעכטס, קיין הויכס און קיין נידריגס. אַלץ איז גלייך־ווערטיג פאַר דעם פּאָעט, אויב עס איז נאָר א י ן איהם, און אַלץ איז נאָר א שטאַפּעל צו זיין אינערליכער באַפרייאונג.

פאַר אונז קאָן אויך ניט שטעהן די אומזיניגע און אומפּרוכט־באַרע פראַגע וועגען דעם, צו דער פּאָעט „דאַרף“ דיכטען וועגען

נאציאָנאַלע זאַכען, און וועגען סאָציאַלע, צו בלויז וועגען פּערזענ־ליכע. פאַר אונז איז אַלץ „פּערזענליך". מילכאָמעס און רעוואָ־לוציעס, אידישע פּאָגראָמען און די ארבייטער־באַוועגונג, דער פּראָ־טעסטאַנטיזם און בודאַ, די אידישע שוהל און דער צײלעם, די מעיאָר־וואַהלען און אַ פּאַרבאַט פון אונזער שפּראַך: די אַלע קאָנען יאָ באַריהרען אונז אָדער ניט באַריהרען, פּונקט ווי עס קאָן אונז יאָ אָדער ניט באַריהרען אַ פרוי מיט בלאָנדע האָר און אונזער אייגענער אומרוה. אין ערשטען פאַל דיכטען מיר יאָ, אין צווייטען פאַל שווייגען מיר. אין יעדען פאַל זינגען מיר וועגען זיך, ווייל דאָס אַלץ עקזיסטירט בלויז אויף אַזוי פיעל, אויף וויפיעל עס איז דאָ אין אונז, אויף וויפיעל עס ווערט א י נ ט ר אָ ס פּ ע ק ט י װ אויפגעפּאַסט.

צוליעב דערזעלבער אורזאַך ווייסען מיר ניט פון קיין אונ־טערשיד צווישען „האַרץ־פּאָעזיע" און „קאָפּ־פּאָעזיע", צוויי אומ־זיניגע פראַזען, וועלכע באַלאַנגען צו דערזעלבער קאַטעגאָריע לינג־וויסטישע טאָעסען, וואָס מיר האָבען שוין דערמאָנט. אויב מיט דער ערשטער פראַזע ווערט געמיינט, אומבאַוואוסטזיניג שאַפען און מיט דער צווייטער ב אַ װ אוּ ס ט ז י נ י ג ש אַ פ ע ן, זאָגען מיר, אַז ניט מיר, ניט שום קיין אַנדערער וויים דעם גרענעץ צווישען באַוואוסטזיניגקייט און אומבאַוואוסטזיניגקייט. גע־וויסע מאָמענטען פון דעם שאַפונגס־פּראָצעס זענען אַלע־מאָל באַוואוסטזיניג און קאָנען אַנדערש ניט זיין. און אין דעם איז אויך קיין אומגליק ניטאָ. דער מאָדער־נער פּאָעט איז ניט, קאָן ניט און דאַרף ניט זיין יענער נאַאיווער הימעל־קוקער, וואָס ווייס פון גאָרניט אויסער זיין לידעל, וועלכער פאַרשטעהט גאָרניט פון דעם, וואָס טוט זיך אויף דער וועלט, וועל־כער האָט ניט קיין באַציהונג צו דעם לעבען און זיינע פּראָבלעמען און געשעהענישען; וועלכער קאָן אפילו קיין שורה ניט אָנשריי־בען וועגען עפּעס אַנדערש, אויסער אויסצוקלאַפּען אין יאַמבען אָדער טראָכייען זיין שטימונגעל. דער היינטיגער פּאָעט איז א

מענש מיט מענשען צוגלייך און דארף זיין אן אינטעליגענטער, באַוואוסטזיניגער מענש. אלס פּאָעט פאָדערט זיך פון איהם איין זאך: ער זאָל קאָנען זעהן און פיהלען, וויסען און באַגרייפען און זעהן עם מיט זיינע אייגענע אויגען, און זיין אימשטאַנד דאָס געזעהענע, געפיהלטע און פארשטאַנענע ארויסצוגעבען אויף אַן אייגענעם, אינערליך אויפריכטיגען, אינטראָספּעקטיוו־אויפריכטיגען אויפען.

אויב מיט באַוואוסטזיניגער פּאָעזיע מיינט מען דעם אויסדרוק פון ג ע ד אַ נ ק ע ן אין פּאָעזיע, זעהען מיר אויך אין דעם ניט קיין בייז. דער פּאָעט דארף ניט און טאָר ניט זיין קיין גייסטיג־שטומער. האָט אַ פּאָעט ג ע ד אַ נ ק ע ן איז עס ניט נאָר קיין כיסאָרען, נאָר אַ גרויסע מיילע. אלס פּאָעט, אלס קינסטלער דארף ער בלויז זיין אימשטאַנד די געדאַנקען זיינען ארויסצוגעבען אין דער פּאַסיגער פאָרם, אַז עס זאָל דערפון באַשאַפען ווערען אַ קונסט־ווערק. און דאָס איז אַפּהענגיג בלויז אַן איין קאָנדיציע: אַז די געדאַנקען זאָלען זיין זיינע אייגענע, אַז זיי זאָלען זיין אַן עמעסער רעזולטאַט פון דער באַהעפטונג צווישען זיין זעל און דעם לעבען, און אַז ער זאָל זיי ארויסגעבען אין יענער פאָרם, אין יענע עמעסע בילדער, אין יענע עמעסע פארבען און טענער, ווי זיי וועבען זיך אויס, ווי זיי אַנטשטעהען און דרינגען איהם דורך אין דעם לאַבירינט פון זיין נעשאָמע.

ניטאָ קיין גרענעץ צווישען „געפיהל" און „געדאַנק" ביים היינטיגען מענש און ביים היינטגען דיכטער.ביידע זענען אויסדרוקען פון דעם זעלבען „איך", ביידע זענען אזוי באַהאַפטען און צענויפגעבונדען איינס מיט'ן אַנדערען, אַז עס איז אַבסורד צו וועלען זיי פונאַנדערטיילען.

ביי אונז איז ניטאָ קיין אונטערשיד צווישען אינטעלעקטועלער פּאָעזיע און געפיהל־פּאָעזיע. מיר ווייסען בלויז פון איין אונטערשיד: צווישען עכטקייט און פאַלשקייט, צווישען עמעסער אינדיווידואַליטעט און שאַבלאָן. אין דעם ערשטען פאַל ווערט געבוירען

פּאָעזיע, אין דעם צווייטען — מעג עס זיין ווי „שטימונגספּול" — בלויז לאָקריק, וויניעטקעס און פאַלשע גלעקלעך.

אויך אונזער באַציהונג צו „אידישקייט" ווערט קלאָהר פון אונזער אַלגעמיינעם פּאָעטישען קרעדאָ.

מיר זענען א י ד י ש ע פּ אָ ע ט ע ן דערמיט, וואָס מיר זענען אידען און שרייבען אידיש. וואָס אַ אידישער פּאָעט זאָל ניט שרייבען אין אידיש, איז עס איפּסאָ פאַקטאָ, דערמיט אַליין, אי־דיש. מען דאַרף ניט קיין באַזונדערע „אידישע טעמען." אַ איד וועט וועגען אַ אינדישען פּרוכטבאַרקייטס־טעמפּעל און יאַפּאַנישע שינאָס שרייבען ווי אַ איד. דער אידישער פּאָעט וועט זיין אי־דיש, ווען ער וועט דיכטען וועגען „וויוו לאַ פראַנס", וועגען דעם גאָץ פון גאָלד, וועגען דאַנקבאַרקייט צו אַ קריסטליכער דאַמע פאַר אַ גוט וואָרט, וועגען רויזען וואָס ווערען שוואַרץ, וועגען אַ שטאָ־פּעט פון אַן אַלטען פּרינץ און וועגען דער רוה, וואָס בלויז דער שלאָף קאָן איהם ברענגען. עס איז ניט די אויפגאַבע פון דעם דיכטער אַליין צו זוכען און אַרויסווייזען זיין אידישקייט. ווער עס וויל זיך פאַרנעמען מיט אַזאַ אַרבייט, זאָל עס טאָן, און ווער עס וועט זוכען אידישקייט ביי דעם אידישען דיכטער, וועט עס אויך געפינען.

אין צוויי זאַכען זענען מיר יאָ אויסגעשפּראָכען אידיש, דורכ־אויס אידיש. אין אונזער באַציהונג צו אידיש אַלס שפּראַך בעקלאַל און צו אידיש אַלס פּאָעטישער אינסטרומענט.

מיר גלויבען אין אידיש. מיר האָבען ליב אידיש. מיר האַלטען זיך ניט אָפּ צו מאַכען די דערקלערונג, אַז דער, וואָס האָט אַ פאַרניינענדע באַציהונג צו דער אידישער שפּראַך, אָדער אַפילע בלויז אַ גרינגשעצענדע, קאָן דורך דעם אַליין ניט זיין קיין אידי־שער דיכטער. ווער עס לאַכט פון אידיש, ווער עס קלאָגט זיך, אַז אידיש איז אָרים און אַ שלעכטע שפּראַך, ווער עס איז בלויז גלייכ־גילטיג צו אידיש, געהערט ניט צו דער הויכער קאַטעגאָריע פון אידישע דיכטער. צו זיין אַ אידישער דיכטער איז אַ הויכע

קאטעגאריע, איז א מאדרייגע, און עס קאן ניט געמאלט זיין, אז דער וואס שאפט אין אידיש, זאל שפייען אין דעם ברונעם פון זיין שאפונג. אזוינער איז א קליינער מענש, און מעמיילע נאך א קלענערער דיכטער.

וואס אנבאלאנגט אידיש אלס שפראך־אינסטרומענט, האלטען מיר, אז אונזער לאשען איז איצט שעהן און רייך גענוג פאר דער טיפסטער פאעזיע. אלע הויכע עראבערונגען פון דער פאעזיע, די העכסטע, זענען מעגליך אין אידיש. בלויז דער, וואס איז אן ארימער דיכטער, קאן זיך באקלאגען אויף דער ארימקייט פון דער אידישער שפראך. דער עמעסער דיכטער וויים אונזער שפראכס רייכקייט און איהם פעהלט גארניט, קאן גארניט פעהלען.

פאעזיע איז גאר אין א גרויסער מאס די קונסט פון שפראך — א קלאל וואס ווערט אזוי אפט פארגעסען — און די אידישע פאעזיע איז די קונסט פון דער אידישער שפראך, וועלכע איז פון איהר זייט בלויז א טייל פון דער אלגעמיינער איראפעאיש־אמעריקאנישער קולטור. אידיש איז איצט רייך גענוג, זעלבשטענדיג גענוג צו קאנען זיך ערלויבען איהר אייגענעם אויצער צו פארגרעסערען מיט דער הילף פון די אויצרעם פון איהרע שוועסטער־שפראכען. דערפאר היטען מיר זיך ניט צו בארגען ווערטער פון די שוועסטער־שפראכען, ווערטער, וועלכע זאלען דעקען די אויסגעוואקסענע באגריפען, די פארברייטערטע געפיהלען און געדאנקען. אזוינע ווערטער זיינען אויך אונזערע ווערטער. מיר האבען אויף זיי פונקט אזא רעכט ווי יעדע אנדערע שפראך, ווי יעדע אנדערע פאעזיע, וויל: די אידישע פאעזיע — נאך אמאל עס ווידערצוהאלען — איז בלויז א צווייג, א באזונדערער שטאם פון דער גאנצער איצטיגער פאעזיע אין דער וועלט.

מיר קוקען אויף אידיש ווי אויף א פאלשטענדיג־אויסגעוואקסענער, רייפער, זעלבשטענדיגער, באזונדערער און אייגענארטיגער שפראך. מיר האלטען, אז זי האט זיך שוין לאנג אפגעטיילט ניט נאר פון איהר מוטער—דייטש, נאר אויך פון איהר פאטער—העב־

רעאיש. אלץ וואס בינדט נאך צענויף קינסטליך און איבערגעוואלט אידיש מיט העברעאיש, איז אן אומנויטיגקייט, אן איבעריגקייט, א באליידיגונג פאר דער שפראך, און וועלכער מיר דיכטען. דאס אויסלייגען געוויסע ווערטער אין אידיש אנדערש ווי אנדערע ווער־טער, ווייל אט די ווערטער שטאמען עטימאלאגיש פון העברעאיש, איז פאלש, איז אן אנאכראניזם. אלע ווערטער אין אידיש זענען גלייך און עס איז צייט אפצורייניגען די ווייסע שטעך פון דעם העברעאישען אויסלייגען פון געוויסע ווערטער אין אידיש.

מיר זענען ניט קיין סאנים און ניט קיין געגנער פון העברע־איש. די שפראכען־פראגע עקזיסטירט פאר אונז, אידישע דיכ־טער, אבסאלוט ניט. העברעאיש איז נאר פאר אונז א פרעמדע שפראך, בעאיים אידיש איז א ו נ ז ע ר שפראך. מיר קאנען אבער ניט פארגעסען, אז העברעאיש און העברעאיזם האבען קע־סיידער געשטערט דער נאטירליכער אנטוויקלונג פון דעם אידישען ווארט און פון דער אידישער פאעזיע. מיר ווייסען, אז ווען דער העברעאיזם פון דער האסקאלע־באוועגונג, וועלכער האט זיך שפע־טער פונאנדערגעצווייגט אין ציאניסטישען העברעאיזם פון איין זייט, און אין אסימילאטארישען אנטי־אידישיזם פון דער צווייטער זייט, וואלט ניט געשטערט, וואלט די אידישע פאעזיע איצט גע־שטאנען אויף א פיעל העכערער מאדרייגע, ווי איצט. מיר ווייסען, אז ווען די אידישע דיכטונג וואלט זיך נארמאל און נאטירליך אנט־וויקעלט פון דעם פאעט שלמה עטינגער ביז איצט, ווען דער נא־טירליכער אנטוויקלונגס־גאנג וואלט ניט דורך דעם העברעאיזם און דורך די העברעאיסטען איבערגעריסען געווארען, וואלט קיין שפראך־פראגע מעהר ביי קיינעם ניט געקאנט זיין, וואלט זי עפ־שער גאר קיינמאל ניט אנטשטאנען. די רייכע אידישע ליטערא־טור וואלט זי אין קערן פארניכט.

מיר האלטען דעריבער, אז מען מוז ענדליך האבען דעם מוט איבערצערייסען יעדען בונד צווישען אונזער שפראך און וועלכער עס איז אנדערער פרעמדער שפראך. עס קומט א צייט, ווען א זוהן

מוז זיך אינגאנצען אפטיילען פון זיין טאטען און בויען זיין אייגען געצעלט. דער לעצטער רעשט פון העברעאיש אין אידיש איז די העברעאישע ארטאגראפיע פון געוויסע ווערטער. דאס דארף אפּגעשאפען ווערען, און אלס דיכטער — ניט פּראפּאגאנדיסטען — לייזען מיר די פראגע קוידעם קאָל פאר זיך אליין. מיר ווילען שרייבע אלע אידישע ווערטער גלייך, אהן אונטערשיד פון וואס פאר א ייכעס א ווארט קומט ארויס.

דאס זענען אונזערע אנזיכטען, דאס זענען אונזערע פּאעטישע שטרעבונגען אויף די פארשידענע געביטען, וואס מוזען באשעפּטיגען א פּאעט אין אלגעמיין און א אידישען פּאעט באזונדערס.

4

מיר קומען ארויס ניט צו באקעמפען אימיצען און ניט צו פיהרען א שטרייט געגען אימיצען. מיר ווילען בלויז זיך אליין אנטוויקלען און געהן אויף דעם אייגענעם וועג, וועלכער איז פאר אונז דערווייל דער עמעסטער וועג.

מיר קומען אין דער ריכטיגער צייט. אין דער צייט ווען די אידישע פּאעזיע איז געווארען רייף און זעלבשטענדיג גענוג צו געבירען באזונדערע ריכטונגען און ארויסצורופען דיפערענציאציע, פונאנדערטיילונג, אנשטאט צו בלאנדזשען אומזיכער אינאיינעם.

און זאגען מיר, אז מיר זענען געקומען אין דער ריכטיגער צייט, גיבען מיר שוין אליין צו, אז אלע, וואס איז געווען ביז אונז און פאר אונז, איז אויך געווען אין דער ריכטיגער צייט.

מיכל גארדאן, שמעון פרוג, מארים ראזענפעלד, אברהם רייזען, א. ליעסין ה. רויזענבלאט — זיינען אלע גוט אין זייער צייט. אבער אלע בלויז אין זייער צייט. אלץ וואס איז געווען נויטיג פאר דער אנטוויקלונג פון דער אידישער ריכטונג, פאר איהר שטורפענווייזען ווייטערגעהן, האבען זיי געגעבען, און דערמיט אויך אונז מעגליך געמאכט. אויף אזוי פיעל קעמפען מיר ניט געגען זיי, זוכען מיר זיי ניט צו פארשרייען. אדראבע, מיר דריקען אויס אונזער אנערקענונג פאר דעם, וואס זיי האבען אונז געהאלפען קומען.

בלויז איינער פון די עלטערע פארשטעהער פון די אידישע פאַ־עטען האט, לויט אונזער מיינונג, אריבערגעשפּרייזט דעם גרענעץ פון זיין צייט און איז פאַר אונז ניט בלויז אַ פאַרלויפער, נאָר אַ מיט־פּאָעט. דאָס איז י ה ו אָ ש. לויט אונזער אויפפאַסונג איז ער די באַדייטענדסטע פיגור אין דער גאַנצער אידישער דיכטונג היינטצוטאָג. אַ פּאָעט, וועלכער הערט ניט אויף צו זוכען, וועלכער האט דעם מוט און די פעהיגקייט — מיר ווייסען ניט וואָס איז וויכ־טיגער און וואָס איז שענער און גרעסער — אויפ'ן סאַמע זעניט פון זיין שאַפען צו דערפילען, אַז עפּשער איז ניט דאָס דער וועג, און זיך נעמען פון דעם גוט־באַקאַנטען שטעג פון אויסגעקלאַפּטע יאַמבען און טראַכייען צו שרייבען אין נייע פאָרמען און אויף אַנדערע אויפאַנים — האט פיליכט ער געדאַרפט זיין דער איניציאַ־טאָר פון אַ נייער ריכטונג אין דער אידישער פּאָעזיע, און פיליכט אויך — יעדענפאַלס טיילוויז — פון אונזער ריכטונג. האט ער דאָס אָבער ניט געטאָן צוליב פאַרשטענדליכע אורזאַכען, און מיר ווילען פאַרצייכענען, אַז מיר האַלטען איהם פאַר איינעם פון אונ־זערע נאָהענטע.

די אַנטוויקלונג פון דער אויסגערעכענטער גרופּע אידישע פּאָ־עטען ביז אונז וואָלט אַבסאָלוט ניט מעגליך געווען אָהן געוויסע צווישען־שטופען. קונסט, ווי דאָס גאַנצע לעבען, שפּרינגט ניט, נאָר אַנטוויקעלט זיך בעהאָדראָגעדיג. אויף די דאָזיגע צווישען־שטופען שטעהען די אַזוי־גערופענע יונגע.

איינהאָרן, מנחם, מאני לייב, זישא לאַנדוי, ראָלניק, סלאָנים, שוואַרץ, אייזלאַנד, מ. ל. האַלפּערן ב. לאַפּין — אַט די אַלע זענען אויך גוט און אין זייער צייט. זיי האָבען פאַרדינסטען און ניט נאָר ווילען מיר דאָס ניט לייקענען, נאָר מיר פאַרשטעהען און גיבען גערן צו, אַז בלויז אַ דאַנק זייער אַרבייט איז מעגליך געוואָ־רען אַ ווייטערע אַנטוויקלונג פון דער אידישער פּאָעזיע, פון וועל־כער די אינטראָספּעקטיווע ריכטונג איז אַן אויסדרוק.

די אַלע האָבען די אידישע פּאָעזיע אַרויסגעפיהרט אויף אַ

ברייטערען וועג. זיי האבען דערנעהנטערט די אידישע דיכטונג, וואס האט נאך געהאט א שטארקע מעכוטענעשאפט מיט באדכאנעכ און גראמערייען, צו קונסט און צו עמעסער פאעזיע. אין דעם פאל פון א ראלניק און א מאני לייב האבען זיי די אידישע פאעזיע פאר־טיפערט, כאטש אינבאצוג צום צווייטען וואלט ריכטיגער געווען צו זאגען פארפיינערט. סלאנים האט דעם פארדינסט פון ארוים־ווייזען א חוש פאר ריטם און טיילווייז אויך פאר אינדיווידועלען ריטם.

דער הויפט־פארדינסט פון די יונגע איז אבער אין דער הינזיכט פון שפראך. זיי האבען אריינגעטראגען א געוויסען אייראפעאיזם אין דער שפראך, א גרעסערע קינסטלערישע עכטקייט, אויפגעהוי־בען דעם ניווא פון א אידיש ליד. פרץ'ס „אנדערש וואלט מיין ליד געלונגען, כ'זאל פאר גאים גאיש זינגען" האבען זיי לאכלוטין אנולירט.

אבער דערביי איז עס געבליבען. וואס אנבאלאנגט אינהאלט האט דער טיפסטער אויפגעהערט צו פארטיפען זיך, און דער פיינסטער איז דערגאנגען צו א וואנט. מיט זיין כוש פאר ריטם האט סלאנים ווידער זיך אפגעשטעלט דארט, וואו ער האט גע־דארפט, און עפשער אויך געקאנט אנהויבען. אויך אין דער שפראך־הינזיכט איז עס געקומען צו א טעמפען ווינקעל. די דערפרישונג, בארייכערונג און פארייפנערונג איז אסיפיצירט געווארען, און זיך אנטארט צו אן אומפרוכטבאר פלאכלאנד.

ווי אין דעם פאל פון די עלטערע שרייבער איז אויך דא פאראן אן אויסנאם. דאס איז ה. לייוויק.

בלויז טיילווייז איינער פון די יונגע, האט לייוויק פון דעם ערשטען מאמענט פון זיין ערשיינען געבראכט מיט זיך אזוי פיעל אייגענס, אידיווידועלס און דערצו טיפס, אז ווען איהם קאן גארניט זיין קיין רייד וועגען אפשטעלען זיך, וועגען שוין האבען ערפילט זיין פאעטישע מיסיע.

אויך איהם האלטען מיר פאר נאהענט צו אונז.

די יונגע אין אַלגעמיין, אַלס גרופּע גענומען, געהערען אָבער בלויז צו זייער צייט און אויב מען זאָל וועלען כאַראַקטעריזירען אין וואָס זייער פאַרדינסט, וועלכער איז שוין איצט פאַרענדיגט, איז באַשטאַנען, איז עס דער פאַרדינסט פון זיין צווישען־שטופּען, פון זיין אַ בריק צו אַ נייער פּאָעזיע, אַ פּאָעזיע אַ מעהר זעלבּ־שטענדיגער, אַ געוואַגטערער, טיעפערער און עכטערער סיי אין אינהאַלט סיי אין פאָרם — צו געברויכען אַן אַלטע פאָרמולע.

5

מיר וועלען נאָך צוגעבען עטליכע באַמערקונגען וועגען געוויסע פּונקטען, אויף וועלכע מיר האָבען זיך געאייניגט איינבאַצוג צו דעם שרייב־אויפען, פּונקטען, וועלכע מען קאָן געפינען ביי די מעהר־סטע מאָדערנע שולען, ווי לעמאַשעל, ביי די אַמעריקאַנער אימאַ־דזשיסטען; ווי אויך וועגען דעם, ווי אַזוי די דאָזיגע זאַמלונג, וועלכע מיר באַטראַכטען אַלס ערשטע, איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרען.

באַטראַכטענדיג אונזער ריכטונג אַלס אַן אויסדרוק פון דער־נעהנטערען זיך צום לעבען, צו דעם לעבען, ווי עס שפּיגעלט זיך אָפּ אין אונז — וואָס דאָס איז דאָס עמעסע לעבען — זענען מיר דערפאַר, אַז די שפּראַך פון אונזערע לידער זאָל זיין אַזוי נאָהענט צו דער גערעדטער שפּראַך — אין בוי און אין פלים — ווי נאָר מעגליך. מיר שאַפען דעריבער אינגאַנצען אָפּ יעדע מעגליכקייט פון דעם, וואָס מען רופט אינווערזיע, צעדרעהונג פון דעם נאַטירליכען זאַץ־בוי, צוליב ריטם אָדער גראַם. מען קאָן ניט און מען דאַרף ניט אונטער קיינע אומשטענדען זאָגען „האָב דערזעהן איך“, אָדער „וואָס געגאַנגען איז“, אָדער נאָך ערגערע באַרבאַריזמען. מען מוז שרייבען „האָב איך דערזעהן“, „וואָס איז געגאַנגען“, צי עס איז יאָ דאָ אַ גראַם, אָדער ניט, אָדער צי דער טאַקט האַלט יאָ אוים אָדער ניט.

מיר זענען געגען באַנוצען אויסדרוקען פאַר זייער קלוימערשטער

שעהנקייט. עס קאָן ניט זיין קיין שעהנקייט אָהן טיפען צוזאַמענ־האַנג און אָהן עכטען זין.

מיר שטרעבען אויסצומיידען באַנאַלע פאַרגלייכען, עפּיטעטען און אַנדערע פיגוראַטיווע אויסדרוקען. צוליב זייער באַנאַליטעט זיינען זיי מעמיילע אַ ליגען, און מיר זוכען הויפּטזעכליך אינטראַס־פּעקטיווע אויפריכטיגקייט און אינדיווידואַליטעט.

מיר זוכען אויסצומיידען אומנויטיגע אַדיעקטיווען בעקלאַל, אַזוינע וואָס גיבען גאָרניט צו, און וואָס זענען בלויז אַן איבעריגע, באַשווערענדער לאַסט. „וויטע ווייט", צי „בלויע ווייט", אָדער „שנייאיגע שניי" צי „פאַרשטיינטער שניי" מאַכען די ווייט ניט און דעם שניי ניט אַנדערש, וו י זיי זענען. אַנשטאַט דעם — אַלעמאָל בעסער אַן עכט, אייגען, אינדיווידועל בילד.

עס איז אַלעמאָל בעסער צו באַנוצען דאָס ריכטיגע וואָרט פאַר דעם אַנטשפּרעכענדען באַגריף. אפילו ווען עס איז ניט „שעהן" לויט דער פּאָפּולערער עסטעטיק. אַ וואָרט אויפ'ן ריכטיגען פּלאַץ איז שטענדיג שעהן. טאָמער וועט אימיצער דאַרפען נאָכזוכען אין אַ ווערטער־בוך, איז עס אויך ניט דעם פּאָעטס דייגע.

וואָס אַנבאַלאַנגט דעם צוזאַמענשטעל פון דער זאַמלונג, געהערט די איניציאַטיווע צו די, וואָס זייערע נעמען געפינען זיך אונטער דעם דאָזיגען פאָרוואָרט. די האָבען צוגעצויגען די אַנדערע, נאָכדעם ווי מען האָט זיך פאַרשטענדיגט און איינגעשטימט וועגען די אָנ־זיכטען און שטרעבונגען פון דער ריכטונג. פון זיי האָבען מיר אין דער זאַמלונג אריינגענומען יענע לידער, וועלכע זענען מעהר אָדער ווייניגער נעווען נאָהענט צו אונזערע אַנשויאונגען.

די אַלע קלאַלים, אַזוי צו זאָגען, זענען ניט פאַראויסגעשאַפען געוואָרען און נאָך זיי זענען די לידער געשריבען געוואָרען. אויב אימיצער דענקט אַזוי, איז ער שולדיג אין אַבסורד. די קלאָלים ווי די גאַנצע ריכטונג זענען אַרויסגעוואַקסען פון די שוין אָנגע־שריבענע לידער. אַנדערש קאָן עס ניט זיין. אויב אין פּראָצעס פון שרייבען וועלען צוקומען אָדער אַרויסוואַקסען אַנדערע קלאָלים.

אפילו געגענזעצליכע, וועלען מיר אויך דאס פארצייכענען.

דאס ליד שאפט דעם קלאל און ניט פארקערט, און דערפאר קאן דער קלאל ניט באטראכט ווערען פאר אייביג־בינדענד.

די צאל לידער וואס געהט אריין אין דער זאמלונג ווייזט לאכ־לוטין ניט אן אויף א גרעסערען אדער א קלענערען ייכעס פון דעם דיכטער. האט אויך ניט צו טאן דערמיט, צי דער דיכטער איז איינער פון די איניציאטארען, צי ניט. עס באווייזט בלויז, אז דער און דער האט געהאט אנגעשריבען מעהר לידער.

אלע באטייליגטע זענען גלייך לויט דעם ווערט און באדייטונג.

מיר ווייסען, אז יעדער דיכטער אנטוויקעלט זיך גיכער אין איינזאמקייט, איידער אין גרופירונג. די אכט דיכטער, וואס זייערע ארבייטען זענען דא פארטראטען, זענען אויך גאנץ פארשידענע פאעטען. אויב מיר האבען באשלאסען ארויסצוטרעטען אלס א געמיינשאפטליכע גרופע און זיך געגעבען א נאמען, וועלכען אגעוו, מען דארף ניט פארשטעהן בוכשטעבליך, איז עס דערפאר, וואס דורך דער דאזיגער קאלעקטיווער אפזונדערונג און דיפערענצירונג האפען מיר מעגליכער און לייכטער צו מאכען די אינדיווידועלע אנטוויקלונג פון יעדען באזונדער.

צו אזא קאלעקטיווען ארויסטריט האט אונז אויך געפיהרט דער אינערליכער צושטאנד פון דער אידישער פאעזיע אין דעם איצטיגען מאמענט, א צושטאנד, וואס איז כאאטיש, פאנימלאז, כאארקטערלאז און וואס ווערט אלץ מעהר א שטער צו ווייטערער אנטוויקלונג.

יעקב גלאטשטיין. א. לעיעלעס. נ. מינקאוו.